בעזהשי"ת

# צושניד מיך נישט

הארצרייסנדע דברי הספד אויף הילד לייבי קלעצקי ע"ה, וואס איז אומגעברענגט געווארן רחמנא ליצלן אויף א שרעקליכן אופן אום י' תמוז תשע"א, און אויף רבי אלעזר אבוחצירא ז"ל וואס איז דערשטאכן געווארן צום טויט רחמנא ליצלן אום כ"ז תמוז תשע"א; וואס מיר דארפן זיך לערנען פון די צוויי שוידערליכע מעשיות.

געזאגט געווארן דורך

## מרן מוהרא"ש זי"ע

ליל ששי פרשת דברים תשע"א לפ"ק

ארויסגעגעבן בעזהשי"ת דורך
חסידי ברסלב - ניו יארק יצ"ו

לזכות
יואל בן ריצא רעכיל



# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

## א

# מֶען ווִיל אוּנְז עֶפֶּעס ווַייזְן

חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה" - אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער דָא אוּנְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר אוֹיבּ מֶען רוּפְט קוֹדֶם אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דָאס דַארְף פַּאסִירְן. דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז וֶוען עֶר כַאפְּט אַ קְלַאפּ, בַּאשׁוּלְדִיגְט עֶר זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר הָאט נִישְׁט גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דָאס אִיז גֶעשֶׁען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן אַז דָאס זָאל פַּאסִירְן. חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ל"ח.) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", עֶס אִיז נִישְׁט

דָא אַזַא זַאךְ אַז אֵיינֶער זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס צוּכַאפְּן פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז אֵיינֶער זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן.

דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אַזוֹי, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס פַּאסִירְט גְרוֹיסֶע זַאכְן, שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן, שׁוֹידֶערְלִיכֶע אוּמְגְלִיקְן, אַזוֹינְס וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג, דַארְף מֶען זִיכֶער וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם, סְ'אִיז נִישְׁט פוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, נָאר דָאס קוּמְט אוּנְז עֶפֶּעס וַוייזְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן מִיר דַארְפְן גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, אוּן וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אַרָאפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן.

עֶס הָאט יֶעצְט לֶעצְטְנְס פַּאסִירְט צְוֵויי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת; חֲרֵדִי'שֶׁע אִידְן, אִידְן וֶועלְכֶע רוּפְן זִיךְ שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת, זֶענֶען גֶעוָוארְן רוֹצְחִים, אוּן גֶע'הַרְגְ'ט אַ צְוֵוייטְן אִיד

רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אֲפִילוּ בַּיי אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען לֵיידֶער וַוייט פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת הֶערְט מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר זֶעלְטְן אַזַא זַאךְ אַז זֵיי זָאלְן דוּרְכְפַאלְן מִיט רְצִיחָה, אוּן בַּיי פְרוּמֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶעעֶן אוֹיס וִוי שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת הֶערְט מֶען זִיכֶער נִישְׁט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת. לֵיידֶער הָאט דָאס אָבֶּער יֶעצְט יָא פַּאסִירְט, אִין אַן אָפְּשְׁנִיט פוּן בְּלוֹיז צְוֵויי אוּן הַאלְבּ וָואכְן זֶענֶען גֶעשֶׁען דִי צְוֵויי רְצִיחוֹת, אִין אַמֶערִיקֶע הָאט אַ אִיד פַארְכַאפְּט דֶעם טֵייעֶרְן אִינְגְל הַיֶּלֶד לֵייבִּי קְלֶעצְקִי ע"ה, אוּם י' תַּמוּז תשע"א, אוּן אִים אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַ שְׁרֶעקְלִיכְן אוֹפָן רַחֲמָנָא לִיצְלָן; אוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דָאס פַּאסִירְט אוּם כ"ז תַּמוּז תשע"א, מִיט רֶבִּי אֶלְעָזָר אַבּוּחֲצִירָא ז"ל, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִיק תָּמִים וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, וָואס אַ אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים דֶערְשְׁטָאכְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וֶוען מִיר הֶערְן דִי צְוֵויי שׁוֹידֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְגֶען קֶענֶען מִיר נִישְׁט בְּלַייבְּן רוּאִיג, דָאס וֶועקְט אוּנְז אוֹיף און מָאנְט פוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְטְרַאכְטְן און זֶען וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז, מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן. און נָאכְדֶערְצוּ אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז עֶפֶּעס וַוייזְן מִיט דֶעם.

דֶער מְאִירִי שְׁרַייבְּט (יְבָמוֹת ע"ח:) אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן, אַז אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מַסְפִּיד אַ חָכָם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען זֵייעֶר תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט קֶען דֶערְפוּן לַיידְן דֶער גַאנְצֶער צִיבּוּר, דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר הַיינְט רֶעדְן דִבְרֵי הֶסְפֵּד.

רַבָּנִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, בַּעֲלֵי דַּרְשָׁנִים, זָאגְן דְרָשׁוֹת און הֶסְפֵּדִים אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס, יֶעדֶער זָאגְט מוּסָר אוֹיף זַיין

אוֹפָן, יֶעדֶער פְּרוּבִּירְט צוּ טְרַאכְטְן פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מָאנְט פוּן אוּנְז, אָבֶּער וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט יֶעדֶער מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת'ן אֱמֶת, קֵיינֶער דֶערְוַואגְט זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן פַארְוָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיגְן אִינְגְל אוּן אִים אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה, צֶעשְׁנִיטְן זַיין קֶערְפֶּער אוֹיף שְׁטִיקֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶער אֱמֶת מוּז אָבֶּער גֶעזָאגְט וֶוערְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת. אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר פֶערְצִיג יָאר צוּרִיק, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אַזוֹי וִוי אַסַאךְ הָאבְּן אָבֶּער דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן, הָאט מֶען לֵיידֶער גֶעדַארְפְט צוּקוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס שׁוֹידֶערְט אוֹיף יֶעדֶע אִידִישׁ הַארְץ.

ב

# נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זַיין אַ מְלַמֵד

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ רֶבִּי מֵאִיר שְׁפִּירָא זַצַ"ל זִיךְ דוּרְכְצוּרֶעדְן מִיט אִים, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אוּן מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי שְׁחִיטָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין וֶועלְכֶע פַּרְנָסָה עֶר זָאל נֶעמֶען. רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טְרַאכְט צוּ טוּן, הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאל עֶר וֶוערְן אַ מְלַמֵד. הָאט אִים רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט שֶׁחְטְ'ן אָקְסְן, צִיגְן, אוּן הִינֶער, וֶועסְטוּ יֶעצְט גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?! נֵיין! נֵיין! אוּן נָאכְאַמָאל נֵיין! דוּ זָאלְסְט קַיין מְלַמֵד נִישְׁט וֶוערְן!"

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִין יֶעדֶע פַּרְנָסָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ אַרַיינְלָאזְן,

דַארְף עֶר זִיךְ קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי פַּאךְ, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דֶעם. עֶס זֶענֶען דָא פַּאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער לֶערְנֶען, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שְׁוֶוערֶער אוּן נֶעמֶען לֶענְגֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען. צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען אֵיינֶער וִויל וֶוערְן אַ דָאקְטֶער, דַארְף עֶר גֵיין לֶערְנֶען אוּן שְׁטוּדִירְן פַּאר לַאנְגֶע יָארְן בִּיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְלֶערְנֶען אוּן קֶענֶען גוּט דֶעם פַּאךְ. אֲפִילוּ אָבֶּער בַּיי קְלֶענֶערֶע פַּאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען קוֹדֶם, אֵיינֶער וִויל אַרְבֶּעטְן מִיט עֶלֶעקְטְרִיק דַארְף עֶר זִיךְ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען קוֹדֶם, אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְן חַס וְשָׁלוֹם; אֵיינֶער וִויל זַיין אַ פֶּעינְטֶער, אַ סְטָאלֶער, אָדֶער סַיי וָואס, דַארְף עֶר קוֹדֶם וִויסְן אוֹיבּ עֶר טוֹיג דֶערְצוּ, עֶר דַארְף קֶענֶען דֶעם פַּאךְ, עֶר דַארְף לִיבּ הָאבְּן דֶעם פַּאךְ. אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אַ פַּאכְמַאן צוּ טוּן פַאר אִים אַן אַרְבֶּעט וָואס יֶענֶער הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט עֶס.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין פַאךְ וָואס אִיז אַן אוֹיסְנַאם, דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ מְלַמֵד. עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע מְלַמְדִים, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַ שְׁלִימַזָל אוּן טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט, דֶער וֶוערְט אַ מְלַמֵד. דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַארְוָואס פּוּנְקְט בַּיי דֶעם פַאךְ קוּקְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אִים אוֹיף אַלְס מְלַמֵד, צוּ זֶען אוֹיב עֶר טוֹיג טַאקֶע צוּ דֶעם פַאךְ אָדֶער נִישְׁט. שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז מַחְלִיט אַז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ דָאקְטֶער... דָאס אִיז דָאךְ מַמָשׁ רְצִיחָה, עֶר וֶועט הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל י"ב, ג') "וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, אֵלוּ מְלַמְדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן" - דִי

מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זַייעֶר שְׂכַר אִיז אַזוֹי פִּיל אוּן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל. וֶוען מֶען קוּקְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן. אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט קוּקְנְדִיג מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז (טֶעלֶעסְקָאוּפּ). עֶס אִיז דָאךְ מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן דִי פִּילֶע בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען. זָאגְן חֲזַ"ל אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן אוּן אָפְּשַׁאצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה.

וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אִין חֵדֶר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, קֶען עֶר נָאךְ גָארְנִישְׁט, עֶר וֵוייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט. דֶער מְלַמֵד לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִים אוּן לֶערְנְט מִיט אִים דִי הֵיילִיגֶע אַלֶף-בֵּית, אוּן דֶערְנָאךְ לֶערְנְט עֶר אִים אוֹיס צוּ קֶענֶען עִבְרִי, צוּ דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער שְׁטַייגְט דָאס קִינְד יֶעדֶעס יָאר, מֶען לֶערְנְט מִיט אִים חוּמָש, מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ גְמָרָא אוּן הֲלָכָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דָאס קִינְד אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. קוּמְט אוֹיס אַז דִי מְלַמְדִים זֶענֶען דִי וָואס מַאכְן דָאס קִינְד פַאר אַ אִיד, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז מְלַמְדוֹת דִי וִויכְטִיגְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע אַרְבֶּעט, אַ מְלַמֵד נֶעמְט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אוּן בּוֹיט אִים אוֹיף צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז מְלַמְדוֹת אָבֶּער אוֹיךְ זֵייעֶר אַ הַאקֶעלֶע אַרְבֶּעט, חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ"א: וְעַיֵין רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, פֶּרֶק ב', הֲלָכָה ג') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יִרְמְיָה מ"ח, י') "אָרוּר

עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה״ - פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס טוּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס אַרְבֶּעט מִיט פַאלְשְׁקֵייט. זָאגְן חֲזַ״ל אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מְלַמֵד וָואס טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער רִיכְטִיג, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן קְלַאס אוּן לָאזְט דִי קִינְדֶער זִיצְן אַלֵיין, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אַ מְלַמֵד דַארְף זֵייעֶר גוּט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע צַייט אוּן טוּן זַיין אַרְבֶּעט מִיטְ׳ן פוּלְסְטְן עֶרְנְסְטְקֵייט. אוֹיבּ טוּט עֶר דָאס וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז זַיין שְׂכַר נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן. אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען עֶר אִיז נָאכְגֶעלָאזְט אוּן טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט רִיכְטִיג, אִיז זַיין שְׁטְרָאף גָאר גְרוֹיס רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וָואלְט מֶען דָאךְ גֶעדַארְפְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועמֶען מֶען נֶעמְט אוֹיף אַלְס מְלַמֵד, מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט גוּט נָאכְקוּקְן אַ מֶענְטְשׁ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ

יְרֵא שָׁמַיִם וָואס וֶועט טוּן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער. דֶערְוַוייל זֶעט מֶען אָבֶּער אַז עֶס לֵיידֶער נִישְׁט אַזוֹי, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר טוֹיג נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם פַאךְ, עֶר אִיז גָאר דֶער וָואס וֶוערְט אַ מְלַמֵד. אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נַייעֶ זַאךְ וָואס הָאט זִיךְ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס גֵייט שׁוֹין אַזוֹי אָן פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רנ"ג, סְעִיף א') אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה קֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶר קֶען צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה אַז עֶר זָאל הָאבְּן פוּן וָואס צוּ לֶעבְן. עֶר טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן קַיין מְלַמֵד. אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אֵיינֶער וָואס הָאט נָאךְ אוֹיךְ חוֹבוֹת, טָאר זִיכֶער נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד. אַ מְלַמֵד דַארְף דָאךְ הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רוּאִיגְקֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער מִיט גְרוֹיס סַבְלָנוּת, אוּן אוֹיב אִיז עֶר

נֶערְוֶועז צוּלִיבּ זַיינֶע חוֹבוֹת אוּן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ה, סְעִיף י"ז) שְׁטֵייט קְלָאר אַז אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט פַּאסְטְן, נָאר עֶר דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן, אַז עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דָאס אִיז דֶער עִיקָר טַאלַאנְט וָואס אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן, צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי. אוּן אוֹיבּ אִיז דֶער מְלַמֵד נֶערְוֶועז, הָאט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ זוּכְן בִּכְלַל אִין אַ קְלַאס מִיט קִינְדֶער.

ג

# אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ

מִיר זֶענֶען אַלֶע צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד וָואס פַּארְרוּפְט זִיךְ צוּ זַיין אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, עֶר הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג טֵייעֶר קִינְד אוּן אִים צֶעשְׁנִיטְן אוֹיף שְׁטִיקֶער. פַארְוָואס זָאלְן מִיר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן דֶערְצִיטֶערְט אוּן צֶעטְרֵייסְלְט אַז קִינְדֶער וֶוערְן צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ אִין דִי חֲדָרִים אוּן שׁוּלֶעס דוּרְךְ מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס.

יֶעצְט הָאט מֶען לֵיידֶער צֶעשְׁנִיטְן דֶער קֶערְפֶּער פוּן אַ קִינְד, וָואס דָאס זֶעט יֶעדֶער מִיט דִי אוֹיגְן. לֵיידֶער זֶענֶען אָבֶּער דָא מְלַמְדִים

וָואס צֶעשְׁנַיידְן קִינְדֶער יֶעדְן טָאג! מֶען קֶען דָאס טַאקֶע נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן, אִיךְ בִּין אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט מְגַזֵם. יָא, עֶס אִיז מַמָשׁ אַזוֹי! מֶען הַרְגְ'ט קִינְדֶער! וֶוען אַ מְלַמֵד טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד, עֶר דֶערְנִידֶערְט אַ קִינְד, עֶר שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ קִינְד; וֶוערְט דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם קִינְד צֶעשְׁנִיטְן, זַיין מֹחַ וֶוערְט צֶעשְׁנִיטְן, דָאס הַרְגְ'ט אִים אָפּ פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר בְּלַייבְּט אַ בַּעַל מוּם פַאר אַלֶע זַיינֶע יָארְן!

דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן פוּן דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין קִינְדֶערְגַארְטְן, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי אַלֶף-בֵּית, עִבְרִי, בִּיז אַרוֹיף צוּ דִי בַּר מִצְוָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין יְשִׁיבָה. מֶען קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז אַ קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט אוּן וֶוערְט נָאכְנִישְׁט אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט וֶוען מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעשְׁנִיטְן וֶוען מֶען

נֶעמְט זִיךְ צוּ זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער. אַ מְלַמֵּד וָואס טְשֶׁעפֶּעט אוּן שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ קִינְד, הָאט אִים מַמָשׁ צֶעשְׁנִיטְן, גֶע׳שָׁחְטְ׳ן, אוּן גֶע׳הַרְגְ׳ט!

אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן דִי וֶועלְט׳ס גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי, זֵיי מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶען עֶר לֶערְנֶען מִיט זֵיי, אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּן. עֶר קֶען נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דִי קִינְדֶער אוּן הַאקְן, שְׁלָאגְן, אוּן זֶעצְן פוּן אַלֶע זַייטְן, ווַייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר וועט אוֹיפְטוּן אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט אָפְּ׳הַרְגְ׳נֶען דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ זָאג אַלֶעמָאל אַז אַ מְלַמֵּד וָואס קֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט בַּיי זִיךְ, עֶר הַאקְט אוּן שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער, דַארְף עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי "סֶענִיטֶעישָׁאן" - צוּזַאמְצוּנֶעמֶען דִי מִיסְט פוּן דִי גַאסְן... מֶען

קֶען זֶען ווִי דִי גוֹיִם וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט דִי מִיסְט, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאקֶע אַרְבֶּעט, פוּן דִי מִיסְט קוּמְט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶער גְרוֹיךְ, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אִין דִי זוּמֶער טֶעג וֶוען דִי גְרוֹיךְ אִיז מַמָשׁ נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן, און דִי אַרְבֶּעטֶער זֶענֶען בְּרוֹגֶז אַז זֵיי דַארְפְן טוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע אַרְבֶּעט, און זֵיי גֶעבְּן אוֹיס זֵייעֶר כַּעַס אוֹיף דִי מִיסְט קַאנֶעס (גַארְבִּיטְשׁ קֶענְס), זֵיי וַוארְפְן עֶס אַרוּם ווִי שְׁפִּילְצֵייג, עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, און דֶערְנָאךְ קֶען מֶען גֵיין אַרַיינְרוּפְן זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף צוּרִיק...

דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער פַּאךְ וָואס אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד דַארְף צוּ טוּן... אוֹיבּ קֶען עֶר נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט בַּיי זִיךְ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן צוּ פְּרַאסְקֶען און שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, זָאל עֶר גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט און זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶער כַּעַס אוֹיף דִי

מיסט קאנעס וועלכע האבן נישט קיין געפילן, ער זאל וואַרפן די קאנעס מיט'ן גאַנצן כֹּחַ, עס צעברעכן אויף שטיקער, ער זאל אָבער נישט אויסגעבן זיין כַּעַס אויף אוּמשוּלדיגע קינדער וועלכע ווערן גע'הרג'ט אינגאַנצן דוּרך דעם.

איך האב געהערט הספֵּדים פוּן גרויסע בַּעֲלֵי דַּרְשָׁנים וועלכע האבן פּרוּבירט צוּ זוּכן וואס מען דאַרף זיך לערנען פוּן די שרעקליכע טראַגעדיע, זיי לייגן עס אָן אויף די טעכנעלאָגיע, אויף די טעלעפאָנס אוּן די קאָמפּיוּטערס וואס פירן אַראָפּ אידישע קינדער פוּן וועג. איך וויל אָבער פאַרשטיין פאַרוואס אַ קינד זאל וועלן נעמען די אַלע כֵּלִים? פאַרוואס פעלט אים דאס אויס? פאַרוואס דאַרף ער דאס האבן בִּכְלַל?

דאס איז דאך נאר דערפאַר ווייל זיינע מְלַמְּדִים האבן נישט געהאט קיין געדוּלד צוּ

אִים, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ אִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט, צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דַאן וָואלְט דָאס קִינְד בִּכְלַל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען זוּכְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אַנְשְׁטָאט דֶעם גֵייט דֶער מְלַמֵד אוּן שְׁפֶּעט אָפּ פוּנֶעם קִינְד, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן שְׁלָאגְט אִים מִיט רְצִיחָה, אוּן דַאן פַארְלִירְט דָאס קִינְד זַיין גַאנְצֶער חֵשֶׁק צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ אִידִישְׁקֵייט, אוּן גֵייט זִיךְ זוּכְן גְלִיקְן אִין דִי פְרֶעמְד.

אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶער מְלַמֵד, וָואס וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אִים אָנְפַארְטְרוֹיעֶט טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן, וֶוען עֶר וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶף-בֵּית פַאר דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן מִיט זֵיי אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר וֶועט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג, אוּן מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג וֶועט עֶר זֵיי אוֹיסְשְׁטֶעלְן

אַן "אַלֶף", און דערנאָך אַ "בֵּית", און אַזוֹי ווייטער. ווען איינער וועט אַריינשפּאַצירן אין קלאַס און זען ווי דער מְלַמֵד זיצט אויף דער ערד און שפּילט זיך ווי אַ קליין קינד, וועט ער מיינען אַז דער מענטש איז אַראָפּ פון זינען. אָבער שפּעטער ווען דאָס קינד קומט אַהיים, וועט ער ווייזן פאַר זיינע עלטערן ווי גוט ער קען די "אַלֶף-בֵּית", ער וועט ווייזן מיט זיינע שפּילצייג ווי אַזוֹי דער מְלַמֵד האָט אים אויסגעלערנט צו מאַכן די אוֹתִיוֹת. דאָס הייסט אַ גוטער מְלַמֵד, ער האָט געדולד צו די קינדער, ער לאָזט זיך אַראָפּ צו זייער שטאַפּל, און מען זעט צום סוֹף ווי זיי קענען זייער גוט וואָס ער האָט מיט זיי געלערנט.

דער מְלַמֵד דערציילט שיינע מַעֲשִׂיוֹת פאַר די קינדער, ער ווייזט זיי ווי דער אוֹת "אַלֶף" איז ווי אַ מענטש וואָס שטייט שיף, ער האַלט איין האַנט אויף אַרויף, צו נעמען פונעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיין הַאנְט אוֹיף אַרָאפּ, וָואס מִיט דֶעם גֶעבְּט עֶר פַאר אַ צְוֵוייטְן.

אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער וֶוען דֶער קוּמֶענְדִיגֶער מְלַמֵד לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער עִבְרִי, אוּן דֶערְנָאךְ לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי חוּמָשׁ, דֶער מְלַמֵד הוֹיבְּט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַ פָּסוּק אָדֶער צְוֵויי חוּמָשׁ, מִיט גֶעדוּלְד דֶערְצֵיילְט עֶר קוֹדֶם פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דִי פַּרְשָׁה אִיז, וָואס דִי תּוֹרָה לֶערְנְט מִיט אוּנְז דִי וָואךְ, אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אוּן מִיט דִי צַייט גֵייט עֶר וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער חוּמָשׁ, דֶערְנָאךְ הוֹיבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַבִּיסְל רַשִׁ״י, אוּן אַלֶעס מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן גֶעלַאסְנְקֵייט, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט אַ גוּטְן טַעַם אִין מוֹיל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נִישְׁט אַז דָאס זָאל זַיין בַּאגְלֵייט מִיט פֶּעטְשׁ, שְׁלֶעק אוּן בּוּשׁוֹת.

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד וָואס שְׁטָאלְפֶּערְט. אַ מְלַמֵד מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֶועט

נִישְׁט הֵייסְן פַּאר אַזַא קִינְד צוּ זָאגְן הוֹיךְ דִי חוּמָשׁ, וַוייל דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן אִים אוֹיסְלַאכְן. זֶענֶען אָבֶּער דָא רִשְׁעוּת'דִיגֶע מְלַמְדִים וָואס וֶועלְן יָא הֵייסְן פַּאר דֶעם קִינְד זָאגְן הוֹיךְ דִי חוּמָשׁ, דָאס קִינְד צִיטֶערְט פוּנֶעם מְלַמֵד אוּן הוֹיבְּט שְׁטָאלְפֶּערְן בַּיי יֶעדְן אוֹת, אַלֶע קִינְדֶער לַאכְן אִים אוֹיס, אוּן דֶער מְלַמֵד אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּפְרִידְן, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ שְׁפֶּעטְן אוּן נָאכְצוּמַאכְן דָאס קִינְד וִוי עֶר שְׁטָאלְפֶּערְט, אוּן שְׁרֵייט אִים נָאךְ אָן אַז עֶר זָאל זָאגְן שְׁנֶעלֶער. וָואס הָאט דֶער מְלַמֵד יֶעצְט גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן צֶעשְׁנִיטְן דָאס קִינְד אוֹיף שְׁטִיקֶער! אוּן נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דֶעם! וַוייל וֶוען מֶען הַרְגְ'ט אַ קִינְד פִיזִישׁ, אִיז דָאס נָאר אַן אֵיינְמָאלִיגֶע זַאךְ; וֶוען מֶען הַרְגְ'ט אָבֶּער אַ קִינְד גֵייסְטִישׁ, הָאט מֶען אִים גֶע'הַרְגְ'ט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, עֶר וֶועט דָאס גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט שוֹין הָאבְּן אַ גֶע'הַרְגְ'טֶער לֶעבְּן!

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ קִינְד פַאר אַ מְלַמֵד אוּן אִים גֶעטְרוֹיעֶן אַז עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין? אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף מְלַמְדִים אִין דִי וֶועלְט אַרַיין, מֶען קוּקְט נִישְׁט פַארְדֶעם צוּ זֶען אוֹיב עֶר טוֹיג טַאקֶע זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיב דֶער מְלַמֵד וֶועט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוֶוען אוֹיף דִי קִינְדֶער? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיב דֶער מְלַמֵד וֶועט נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער מִיט מַכּוֹת רֶצַח פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס וֶועט אִים נִישְׁט שְׁמֶעקְן?

ד

# הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים, אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא

חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט.) "הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים, אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא" - אֵיינֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן בְּרַבִּים, הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי אַ קִינְד. מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד, עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶעם קַיין שׁוּם תֵּירוּץ.

אַ אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט אַלֵיין מִיטְגֶעהַאלְטְן. אֵיין נָאכְמִיטָאג גֵייט עֶר אוֹיפְ'ן גַאס, אוּן עֶר זֶעט וְוי אַ גְרוֹיסֶע גְרוּפֶּע קִינְדֶער, אַ דְרַייסִיג פֶערְצִיג קִינְדֶער, בַּאגְלֵייטְן אֵיין קִינְד אוּן זַיי זִינְגֶען אוֹיף אִים: "דוּ בִּיזְט אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל!

דוּ בִּיזְט אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל!״. דֶער אִיד גֵייט צוּ צוּ זֵיי צוּ זֶען וָואס גֵייט פָּאר, זֶעט עֶר וִוי דֶער אִינְגְל הָאט אָנְגֶעטוּן אַ קְרוֹין אוֹיפְ׳ן קָאפּ אוּן עֶס שְׁטֵייט דָארְט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן ״אִיךְ בִּין אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל״.

דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן צוּ זֶען וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אַזוֹי אַ קִינְד, עֶר הָאט פָּארְגֶעהַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְוָואס זֵיי טוּעֶן דָאס, הָאבְּן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז זֵיי דַארְפְן דָאס צוּ טוּן וַוייל זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַזוֹי גֶעהֵייסְן, דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעהֵייסְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי דַארְפְן אַהֵיים בַּאגְלֵייטְן דֶעם קִינְד אוּן זִינְגֶען אוֹיף אִים דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל. דֶער אִיד הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם קְרוֹין פוּן קִינְד׳ס קָאפּ אוּן עֶס אָנְגֶעטוּן אוֹיף זַיין אֵייגְן קָאפּ, אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְהוֹיבְּן צוּ בַּאזִינְגֶען אַז עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְט אִינְגְל... דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ

גֶעשֶׁעמְט פוּן דֶעם עֶלְטֶערְן אִיד אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַוֶועקְלוֹיפְן, דֶער אִיד הָאט זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן אַז זֵיי זָאלְן אִים נָאכְשְׁרֵייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם אִינְגְל. אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווילְן אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, הָאט עֶר זֵיי שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַ צְוֵוייטְן אִינְגְל טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען. אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער אִיד אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם קְרוֹין בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי קִינְדֶער אִין וֶועלְכֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה זֵיי לֶערְנֶען.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער אִיד אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה בַּיי מִיטָאג צַייט, וֶוען דִי מְלַמְדִים פַארְזַאמְלֶען זִיךְ אִינֶעם מְלַמְדִים-צִימֶער, דָארְט הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קְרוֹין פוּן טַאשׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט דִי מְלַמְדִים וֶוער פוּן זֵיי הָאט גֶעמַאכְט דֶעם קְרוֹין. אֵיין מְלַמֵד אִיז רוֹיט

גֶעוָוארְן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִיד אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן צוּ רֶעדְן מִיט אִים דֶערְוֶועגְן. דֶער אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, עֶר הָאט דַוְקָא אִים גֶעוָואלְט פָארְהַאלְטְן אִין פָארְנְט פוּן אַלֶע מְלַמְדִים. דֶער מְלַמֵד הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים: "זַייט מִיר נִישְׁט מְבַזֶה דָא בְּרַבִּים, קוּמְט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אַייךְ", הָאט דֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: "מֶען טָאר נִישְׁט מְבַזֶה זַיין אַ אִיד בְּרַבִּים?! אוּן דָאס הֵייסְן פַאר אַ גַאנְצֶע קְלַאס קִינְדֶער צוּ גֵיין נָאכְשְׁרַייעֶן אוּן נָאכְזִינְגֶען אַ אִינְגְל אוּן אִים פַארְשֶׁעמֶען אוֹיפְ'ן גַאס, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם?! דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מְלַמֵד דַארְף לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער?! דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל פָּטוּר וֶוערְן פוּן מִיר!" אוּן דֶער אִיד הָאט טַאקֶע גֶעמַאכְט אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ דָארְט אִין מוֹסָד, אַז אַזַא זַאךְ זָאל זִיךְ מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט צֶעשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט? אִיר וֵוייסְט אַז אַ קִינְד וָואס גֵייט דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע בּוּשׁוֹת וֶוערְט גֶעשֶׁעדִיגְט אִין מֹחַ פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן?

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִינְגְל אִין חֵדֶר, דֶער טַאטֶע פוּן דֶעם אִינְגְל זִיצְט דָא יֶעצְט בַּיים שִׁיעוּר. דֶער אִינְגְל אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם בַּיי דִי פִינְף יָאר, זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן יוּנְגֶערְהֵייט. אֵיין טָאג הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אֵייעֶר אִין חֵדֶר פַאר מִיטָאג, דָאס קְלֵיין אִינְגְל הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶטְלִיכֶע אֵייעֶר אִין טַאשׁ, אוּן דֶער מְנַהֵל הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט.

מֶער הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, דֶער מְנַהֵל אִיז אַרַיין אִין אַ ווִילְדֶע כַּעַס אַז דֶער אִינְגְל הָאט גֶע'גַנְבְ'ט עֶטְלִיכֶע אֵייעֶר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁלָאגְן דֶעם קִינְד מַכּוֹת רֶצַח, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעפְּרַאסְקֶעט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, אַז

דֶער מְלַמֵד פוּנֶעם אִינְגְל הָאט דָאס שׂוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דָאס קִינְד אִין דִי זַייט אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי אֵייעֶר, הָאט דֶער אִינְגְל גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי שְׁנֵיי אוֹיפְ׳ן גַאס אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר קַאלְט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְלֵייגְן עֶטְלִיכֶע וַוארִימֶע אֵייעֶר אִין טַאשׁ זִיךְ אָנְצוּאוַוארִימֶען מִיט דֶעם, עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעוָואלְט צוּרִיקְלֵייגְן דִי אֵייעֶר.

יֶעצְט לָאמִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן דֶעם אִינְגְל אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן דֶערְפַאר אַזֶעלְכֶע גֶע׳הַרְגְ׳טֶע שְׁלֶעק. קוֹדֶם הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט גַנְבְ׳עֶנֶען דִי אֵייעֶר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר גֶעוָואלְט אָנְוַוארִימֶען דֶערְמִיט פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וָואלְט וֶוען דֶער מְנַהֵל אִים גֶעדַארְפְט קוֹדֶם פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, אוּן דַאן וָואלְט עֶס שׂוֹין גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה

אִינְגַאנְצְן. צְוֵוייטְנְס, אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז עֶר הָאט יָא גֶעוָואלְט גַנְבְ'עֶנֶען דִי אֵייעֶר, קוּמְט זִיךְ אִים פַאר דֶעם מַכּוֹת רֶצַח? לֶערְן אִים אוֹיס און זָאג אִים אַז עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן נָאכְאַמָאל. און דְרִיטְנְס, אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל הַאלְט יָא אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אַ שְׁטְרָאף פַאר דֶעם אִינְגְל, אִיז דָאךְ דָא גֶענוּג נָארְמַאלֶע שְׁטְרָאפְן אִים צוּ גֶעבְּן, עֶר קֶען אִים זָאגְן אַז מָארְגְן וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן בַּיי מִיטָאג, אָדֶער עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ; עֶס קוּמְט זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁלֶעק פַאר אַ קְלֵיין אִינגְל וָואס הָאט גֶע'גַנְבְ'ט אַפָּאר אֵייעֶר.

אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאט אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ מְלַמֵד פוּן אַן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה. דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז אֵיין טָאג בַּיי מִיטָאג אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעפֶערְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, מַמָשׁ גֶע'הַרְגְ'טֶע קְלֶעפּ פַאר אַ קְלֵיין אִינְגְל. דִי אִיבְּרִיגֶע מְלַמְדִים

זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ זֶען וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, זָאגְט יֶענֶער מְלַמֵד אַז אַזוֹי וִוי דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הַאנְטוּכֶער אָפְּצוּאוִוישְׁן דִי הֶענְט, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ בְּלָאזֶער וָואס בְּלָאזְט אַרוֹיס הֵייסֶע לוּפְט אוּן מִיט דֶעם טְרוּקְנְט מֶען זִיךְ אָפּ דִי הֶענְט, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער אִינְגְל אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁטוּפְּן אַן אֵיי אִין דִי מַאשִׁין, אוּן אַזוֹי צֶעבְּרֶעכְן דִי מַאשִׁין, אוּן דֶערִיבֶּער קוּמְט זִיךְ אִים גוּטֶע פֶּעטְשׁ.

יֶעצְט אִיז ווִידֶער דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, קוֹדֶם פְרֶעג דֶעם קִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן אוּן פַּארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, אֵיידֶער דוּ מַאכְסְט אָפּ אַז עֶר הָאט זִיכֶער בְּמֵזִיד גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן דִי מַאשִׁין. דֶערְנָאךְ קוּק טַאקֶע אוֹיבּ דֶער מַאשִׁין אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן. אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט טַאקֶע בְּמֵזִיד צֶעבְּרָאכְן דִי מַאשִׁין, אִיז עֶר אוֹיךְ נִישְׁט מְחוּיָב מִיתָה פַאר דֶעם, רֶעד מִיט אִים אוּן לֶערְן אִים

אוֹיס אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אוּן גֵיי בֶּעט פוּן זַיין טַאטְן צוּ בַּאצָאלְן דִי שָׁאדְן.

דֶערְוַוייל גֶעבְּט מֶען אַ קוּק אוֹיפְ'ן מַאשִׁין אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, דָאס קִינְד שְׁטֵייט אִין דִי זַייט אוּן וֵויינְט בְּכִיוֹת נוֹרָאוֹת פוּן יִסוּרִים, אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, זָאגְט עֶר אַז זַיין אֵיי אִיז פָּשׁוּט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶס אָפְּוַואשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר עֶס גֶעוָואלְט אוֹיסְטְרוּקֶענֶען בַּיי דֶעם מַאשִׁין. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער אִינְגְל הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטוּן, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן, קַיין שׁוּם עַוְלָה.

דָאס קִינְד וֶועט אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶר וֶועט אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁלֶעק וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט פַאר אוּמְזִיסְט. דֶער אִינְגְל הָאט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דֶעם מַאשִׁין, דֶער מְלַמֵד הָאט אָבֶּער יָא

צֶעבְּרָאכְן דִי נֶפֶשׁ פוּן דֶעם קִינְד אוּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ בַּעַל מוּם אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַן אַנְדֶער אִינְגֶל אִיז גֶעוֶוען נֶעבֶּעךְ אַ יָתוֹם פוּן זַיין מַאמֶע, זַיין טַאטֶע הָאט גֶעדַארְפְט שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, שוֹין גָאר פְרִי הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן הוֹיז צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם גְרֶעסְטְן אִינְגְל אַז עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער, עֶר זָאל זֵיי אָנְטוּן אוּן זֵיי שִׁיקְן אִין חֵדֶר אוּן אִין שוּלֶע. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערְן אוּן זִיכֶער פַאר אַ קִינְד, אוּן בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שָׁעָה שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר.

וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין קְלַאס, אִיז דֶער מְלַמֵד אִים מְקַבֵּל פָּנִים מִיט פֶּעטְשׁ אוּן

פְּרֶעסְק, אוּן שְׁרַייט אוֹיף אִים: ״פַארְוָואס בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט?״ דֶער אִינְגְל וֵויינְט נֶעבֶּעךְ, עֶר וֵוייסְט דֶעם אֶמֶת אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין מַאמֶע, אוּן עֶר דַארְף טוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מַאמֶע יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. אוּן דֶער מְלַמֵד שְׁרַייט וַוייטֶער: ״מָארְגְן זָאלְסְטוּ זִיכֶער מַאכְן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועסְטוּ עֶרְשְׁט כַאפְּן פוּן מַיין שְׁטֶעקְן!״

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער אִינְגְל וַוייטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגְן אַ וָוארְט פַארְ'ן מְלַמֵד, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אוּן גֶעכַאפְּט אָן אוֹיפְהֶער. הֵייסְט דָאס דֶען נִישְׁט צֶעשְׁנִיטְן אַ קִינְד?! קוֹדֶם פְרֶעג זִיךְ נָאךְ אוּן וֶוער גֶעוואוֹיר וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג?

אִיר ווִילְט הֶערְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה? אַ אִיד הָאט בַּר מִצְוָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן, אוּן אִיךְ בִּין

גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שִׂמְחָה. אִינְמִיטְן דִי בַּר מִצְוָה קוּמְט דֶער טַאטֶע צוּ לוֹיפְן צוּ מִיר אוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, זַיין עֶלְטֶערֶער זוּן זִיצְט דָא בַּיים טִישׁ, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי זַיין אַלְטֶער מְלַמֵד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר זָאגְט פַאר'ן טַאטְן: "טַאטִי, אִיךְ נֶעם יֶעצְט אַ מֶעסֶער אוּן אִיךְ גֵיי אִים שְׁטֶעכְן! עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן וָואס עֶס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם, זָאל דִי פָּאלִיצֵיי קוּמֶען אוּן מִיךְ אַיינְזֶעצְן אוֹיף מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט! אִיךְ וִויל אִים נָאר הַרְגְ'עֶנֶען!" דֶער בָּחוּר הָאט נֶעבֶּעךְ גוּט גֶעדֶענְקְט דִי מַכּוֹת רֶצַח וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט פוּן דֶעם מְלַמֵד אִיבֶּער דִי מָאס, אוּן זַיין בְּלוּט אִיז אִים אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזֶען דֶעם מְלַמֵד. אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל עֶפֶּעס טוּן צוּ בַּארוּאִיגְן זַיין בָּחוּר.

איך האב צוגערופן דעם בחור און גערעדט שיין מיט אים און אים בארואיגט, איך האב אים געגעבן אפאר דאלער אז ער זאל ארויסגיין אין א געשעפט זיך צו קויפן עפעס א גוטע זאך צו עסן. אויף די מינוט האב איך אים טאקע בארואיגט, וואס איז אבער שפעטער געווארן מיט דעם בחור? ער איז ליידער ארויס לתרבות רעה, אלעס נאר ווייל דער מלמד האט אים אזוי גע'הרג'ט און געשלאגן, אז ער האט פארלוירן דעם טעם פון לעבן בכלל און פון אידישקייט בפרט.

איך האב אייך דערציילט נאר עטליכע מעשיות וואס איך האב אליין מיטגעהאלטן און געהערט ערשטהאנטיג, איך קען זיצן דא א גאנצע נאכט און דערציילן אזעלכע מעשיות, איך האב אבער נאך וויכטיגע זאכן פון וואס מען דארף רעדן. וואס איר דארפט זיך אבער ארויסלערנען פון דעם איז אז ווען מען שלאגט א קינד מיט רציחה, ווען מען שפעט פון א

קִינְד אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט אַ קִינְד, אִיז דָאס מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וִוי מֶען נֶעמְט אַ מֶעסֶער אוּן מֶען שֶׁחְט דָאס קִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן! יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט צֶעשְׁנִיטְן נֶעבֶּעךְ דֶעם טַייעֶר אִינְגְל לֵייבֶּעלֶע ע"ה, דֶער אִינְגְל אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט דָא רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דִי לְוָיָה, צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט, מֶען הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעטְרוֹיעֶרְט, מֶען הָאט גֶעזָאגְט הֶסְפֵּדִים, אוּן דָאס אִיז עֶס. דֶערְוַוייל אִיז אָבֶּער דָא נָאךְ צֶענְדְלִיגֶע 'לֵייבֶּעלֶעךְ' וָואס לֶערְנֶען יֶעצְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן מֶען שְׁנַיידְט זֵיי אוּן מֶען שֶׁחְט זֵיי יֶעדְן טָאג, אוּן קֵיינֶער קִימֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂים.

די פַאךְ פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז גָאר הֵיילִיג אוּן טַייעֶר, אַז מֶען נֶעמְט אֵיינֶעם אוֹיף צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, דַארְף עֶר זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן

לַאנְגְזַאם לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן צוּ קֶענֶען, לוֹיט זֵייעֶר עֶלְטֶער, אוּן מִיטְפִילְן אוּן מִיטְאַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן קִינְד אִינְאֵיינֶעם, אוּן זֶען אִים אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן שֵׁיינֶערְהֵייט אוּן אֵיידֶעלֶערְהֵייט בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ לַייט. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד דַארְף זִיצְן אִין קְלַאס דִי גַאנְצֶע צַייט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֶר, אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי שְׁלָאגְן וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוֹיבּ דִי מְלַמְדִים פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער, אִיז דָאס אַ הֵיילִיגֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען דֶערְנִידֶערְט דָארְט קִינְדֶער, מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה, נָאר אַ שְׁלַאכְט-הוֹיז.

אַ פְּלַאץ וְוי מֶען שֶׁחְט קִינְדֶער, מֶען שֶׁחְט 'לֵייבֶּעלֶעךְ', דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

ה

## אַ קִינְד מַאכְט נָאךְ זַיין טַאטֶע

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי מְלַמְדִים, דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיין דַארְפְן אוֹיךְ וְויסְן וְוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער. מִיטְ'ן שְׁלָאגְן אוּן הַאקְן קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן. קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעדוּלְד. עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל סָארְט וֶועגְן אוּן עֵצוֹת וְוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער, אָבֶּער שְׁלָאגְן אִיז זִיכֶער נִישְׁט דִי עֵצָה, דָאס קוּמְט נָאר פוּן נֶערְוֶועזְקֵייט, דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ אוֹיס זַיין כַּעַס אוֹיף דִי קִינְדֶער.

די וויכטיגסטע זאך אין חינוך איז צו זיין אליין א ביישפיל פאר די קינדער, ווען די קינדער זעען ווי די עלטערן פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, וועלן זיי דאס אויך נאכמאכן. אויב אבער די עלטערן אליין פירן זיך נישט ריכטיג, וועט גארנישט העלפן צו שלאגן און שרייען אויף די קינדער, דאס וועט זיי נישט מאכן גוט.

אפילו ווען דער טאטע איז פארנומען א גאנצע וואך מיט פרנסה, עס קומט אים כמעט נישט אויס צו זען און צו רעדן מיט די קינדער במשך די וואך, דארף ער כאטש אויסנוצן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין, און ווייזן א ביישפיל פאר די קינדער אז זיי זאלן אויך וועלן נאכמאכן דעם טאטן. אויב אבער עס קומט שבת און דער טאטע אליין פירט זיך אויף נישט ווי עס דארף צו זיין, וואס קען ער נאך נאכדעם פארלאנגען פון די קינדער?



לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דָאס דַאוֶוענֶען, דֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אָן שְׁפֶּעט אִין שׁוּל, מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי בָּרְכוּ. דַארְף עֶר זִיךְ כָאטְשׁ שֶׁעמֶען אַז עֶר אִיז אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן אוּן כַאפְּן דֶעם טַלִית אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען אוּן פְּרוּבִּירְן זִיךְ מִיטְצוּכַאפְּן מִיטְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה. גֵייט נָאךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ שְׁמוּעֶסְן אִין דֶער זַייט, עֶר אִיז נָאךְ אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים, נִישְׁט נָאר וָואס עֶר דַאוְונְט נִישְׁט, שְׁטֶערְט עֶר נָאךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע פוּן דַאוֶוענֶען; עֶרְשְׁט וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ שׁוֹין דַאוֶוענֶען דִי שְׁטִילֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ כַאפּ אוּן עֶר הוֹיבְּט אוֹיךְ אָן דַאוֶוענֶען. אוּן דַאן בַּאמֶערְקְט עֶר וִוי זַיין זוּן הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶפְנְט זַיין סִידוּר, עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אוּן דֶערְלַאנְגְט אִים צְוֵויי קְלִינְגֶעדִיגֶע פֶּעטְשׁ בְּרַבִּים, אוּן שְׁרֵייט אִים אָן פַארְוָואס עֶר דַאוְונְט נִישְׁט...

דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג מְחַנֵךְ צוּ זַיין אַ קִינְד. אַ קִינְד קוּקְט נָאךְ זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר

מַאכְט נָאךְ וָואס דֶער טַאטֶע טוּט. אוֹיבּ דֶער טַאטֶע דַאוְונְט נִישְׁט, וֶועט דָאס קִינְד אוֹיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אוּן קַיין פֶּעטְשׁ וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוֹיבּ דֶער טַאטֶע הַאנְדְלְט נִישְׁט עֶרְלִיךְ, עֶר גַנְבְ'ט אוּן גַזְלְ'ט, עֶר צָאלְט נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, וֶועט זַיין קִינְד זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן. אוּן עֶר וֶועט עֶס מַאכְן נָאךְ בֶּעסֶער, עֶר הָאט דָאךְ אַ בֶּעסֶערֶער קָאפּ, עֶר וֶועט נָאךְ מֶער גַנְבְ'נֶען אוּן גַזְלְ'ן.

## ו

## וֶועקְט אַייךְ אוֹיף!

יֶעצְט לָאמִיר רֶעדְן פוּן נָאךְ אַן עֶרְגֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם, דָאס אִיז אַז עֶס זֶענֶען לֵיידֶער פַארְהַאן מְלַמְדִים אוּן מַגִידֵי שִׁיעוּר וָואס זֶענֶען מְנֻוָלִים, זֵיי טוּעֶן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי מָאלֶעסְטְן דִי קִינְדֶער. אוּן אוֹיסֶער דִי

הַארְבֶּע עֲבֵירָה וָואס דָאס אִיז, שֶׁעדִיגְן זֵיי מִיט דֶעם דִי קִינְדֶער אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

גָאר אַסַאךְ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ מִיר אִיבֶּער דֶעם גֶעפֶערְלִיכְן בִּיטֶערְן פְּרָאבְּלֶעם, אַ קִינְד אָדֶער אַ בָּחוּר וָואס וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוֹיף אַזַא מִיאוּסְ'ן אוֹפָן, אִיז שׁוֹין גֶע'הַרְגְ'ט פַאר זַיין לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, עֶר הָאט מוֹרָא חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, און וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין יָא חֲתוּנָה הָאט עֶר נָאכְדֶעם שְׁוֶוערֶע שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען, און דָאס אִיז אַלֶעס צוּ פַארְדַאנְקֶען דִי מְלַמְּדִים און מַגִּידֵי שִׁיעוּר, וֶועלְכֶע זֶענֶען פָּשׁוּטֶע רוֹצְחִים, וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶע'הַרְגְ'ט דָאס קִינְד.

מֶען קֶען הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט דָא דִי אַלֶע סָארְט זַאכְן, מֶען פְּרוּבִּירְט עֶס צוּ בַּאהַאלְטְן און זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶער פְּרָאבְּלֶעם עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט. לֵיידֶער

פַּאסִירְט עֶס אָבֶּער יָא אַסַאךְ, אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע צָרָה וָואס מֶען מוּז פוּן דֶעם רֶעדְן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער אַז קֵיינֶער טָאר זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹיף אַן אוּמְאֵיידְל וֶועג, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט דָאס יָא צוּ זֵיי, מוּזְן זֵיי קוּמֶען אוֹיסְזָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן וִוי שְׁנֶעלֶער. דֶער רוֹצֵחַ אוּן מְנֻוָל אִיז זֵייעֶר קְלוּג, עֶר וֶועט אָנְשְׁרֶעקְן דָאס קִינְד אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר קֵיינֶעם וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועט עֶר אִים הַרְגֶ'ענֶען, עֶר וֶועט הַרְגֶ'עֶנֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן וֶוער וֵוייסְט וָואס נָאךְ עֶר וֶועט אִים טוּן. אוּן דָאס דַארְף מֶען גוּט אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נָאר דַוְקָא וֶוען אֵיינֶער טוּט עֶפֶּעס אוּן עֶר זָאגְט אָן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, דַוְקָא דֶעמָאלְט דַארְפְן זֵיי עֶרְשְׁט שְׁנֶעל לוֹיפְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן דֶערְצֵיילְן.

אַ בָּחוּר הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר אִיבֶּער זַיין מַגִיד שִׁיעוּר וָואס הָאט אִים

מָאלֶעסְטֶעד, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער בָּחוּר אוּן דֶער מַגִיד שִׁיעוּר הָאט אִים מְאַנֵס גֶעוֶוען. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְּרֶעגְט פַּארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט, פְּרֶעגְט עֶר מִיר צוּרִיק וָואס עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט צוּ טוּן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַזַא שְׁטוֹיס אַז עֶר זָאל פְלִיעֶן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט. זָאגְט מִיר דֶער בָּחוּר אַז יֶענֶער הָאט אִים אַזוֹי אָנְגֶעוָוארְנְט אוּן גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶפֶּעס טוּן אָדֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן פַאר אֵיינֶעם, וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן יֶענֶעם אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, אוּן צוּם סוֹף אִיז דֶער בָּחוּר אוֹיךְ נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג. עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים טָארְן זִיךְ נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן דֶעם, מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אוּן זֵיי עֶרְקְלֶערְן אַז עֶס זֶענֶען דָא מְנֻוָלִים אוּן רוֹצְחִים אוֹיף דֶער וֶועלְט,

און מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי, מֶען טָאר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן זֵיי; מֶען מוּז שְׁרֵייעֶן, מֶען מוּז פַארְפִירְן, און מֶען מוּז אוֹיסְזָאגְן.

עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶעם קַיין שׁוּם תֵּירוּץ, דֶער מְלַמֵּד און מַגִּיד שִׁיעוּר קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן אַז עֶר אִיז נָאר אֵיינְמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם תֵּירוּץ צוּ מֶעגְן הַרְגְ'עֶנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוֹיבּ קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, דַארְף מֶען אִים מְסַרֵס זַיין, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען מֶער טְשֶׁעפֶּען און רַצְחְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז עֶס זָאל אָנְקוּמֶען אֵיינֶער וָואס זָאל יֶעצְט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דֶעם רוֹצֵחַ וָואס הָאט גֶע'הַרְגְ'ט און צֶעשְׁנִיטְן לֵייבֶּעלֶע ע"ה, אָדֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן רוֹצֵחַ וָואס הָאט דֶערְשְׁטָאכְן רֶבִּי אֶלְעָזָר אַבּוּחֲצִירָא

זַ"ל. יֶענֶער וָואלְט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, עֶר וָואלְט זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן אַז זֵיי זֶענֶען נָאר אֵיינְמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן. וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ, אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשׁ דַארְפְן זֵייעֶר הַארְבּ בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן. אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ סְ'וֶועט נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן עֶס וֶועלְן טַאקֶע אָנְקוּמֶען מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי רוֹצְחִים אוּן זֵיי בַּאפְרֵייעֶן. דָאס פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אֵיינֶער אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, אוֹיבּ הַרְגְ'ט מֶען אַ צְוֵוייטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין רַחֲמָנוּת, מֶען דַארְף שְׁטְרֶענְג בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אוֹיפְ'ן הַארְבְּסְטְן אוֹפָן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ רַחֲמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע רוֹצְחִים, דִי וָואס נֶעמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער אוּן זֶענֶען זֵיי מְטַמֵא, אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זֵיי אָפּ פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט מֶען אוּנְז גֶעוִוייזְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת, דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן אוּמְצוּקוּקְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן זֶען וָואס עֶס גֵייט פָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי קִינְדֶער וֶוערְן נֶעבֶּעךְ צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ.

וֶועקְט אַייךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף! אַז מֶען הָאט צֶעשְׁנִיטְן אַ קִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אַז מִיר זָאלְן מֶער נִישְׁט צֶעשְׁנַיידְן קִינְדֶער, אַז מִיר זָאלְן מֶער נִישְׁט צוּלָאזְן אַז מֶען זָאל צֶעשְׁנַיידְן קִינְדֶער אִין דִי חֲדָרִים, אִין דִי שׁוּלֶעס, אוּן אִין דֶערְהֵיים, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט הֶערְן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת.

ז

# שְׁטֶעךְ נִישְׁט קַיין צַדִּיקִים

לָאמִיר יֶעצְט זֶען וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי צְוֵוייטֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג, אַז עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ רוֹצֵחַ צוּ רֶבִּי אֶלְעָזָר אַבּוּחֲצִירָא זַ"ל אוּן אִים דֶערְשְׁטָאכְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

רֶבִּי אֶלְעָזָר זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִּיק תָּמִים, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, גֶעטוּן אַזוֹיפִיל טוֹבוֹת פַאר אִידְן, אוֹיסְגֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זֵייעֶר שְׁוֶוער הַארְץ פַאר אִים.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ אוֹיסְצוּהֶערְן צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן וֶועלְכֶע ווילְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זֵייעֶר שְׁוֶוער הַארְץ, זֵיי ווילְן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זֵייעֶר הַארְץ דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט

פוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זֵיי ווִילְן אַז אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן זֵיי גֶעבְּן אַן עֵצָה אִין לֶעבְּן. וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּהֶערְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין חֶסֶד, דָאס אִיז נָאךְ פִיל מֶער ווִי וֶוען מֶען וָואלְט יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן גֶעלְט.

אַ צַדִיק גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק זַיין לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר גֶעבְּט אַוֶועק זַיין צַייט אוּן כֹּחַ צוּ אוֹיסְהֶערְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן, אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים.

וֶוער אִיז אַ צַדִיק? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ז) אַז אַ צַדִיק אִיז נִישְׁט דֶער וָואס גֵייט מִיט אַן אַרָאפְּגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ אוּן מַאכְט מָאדְנֶע תְּנוּעוֹת, דָאס הֵייסְט סְתָּם זִיךְ נַארִישׁ גֶעמַאכְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קט"ז) אַז אַ צַדִיק קֶען מֶען

בְּכְלַל נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, וֶוען מֶען קוּקְט אִים אָן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִינְגַאנְצְן, עֶר אִיז גֶענְצְלִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט יֶעדֶער מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אוֹיסְצוּגֵיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מִיר הֶערְן נָאר עֶפֶּעס אַ וָוארְט פוּנֶעם יוֹם הַמִּיתָה, וֶוערְן מִיר שׁוֹין טְרוֹיעֶרִיג אוּן נֶערְוֶועז אוּן מִיר ווִילְן דָאס נִישְׁט הֶערְן. וֶוען מֶען זָאגְט נָאר פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אֵייבִּיג לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מִיר וֶועלְן זִיךְ מוּזְן שֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט אוּנְז אַרַיינְלֵייגְן אִין קֵבֶר אוּן מִיר וֶועלְן מוּזְן צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָארְט וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דָאס בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן

אַרייַנְגֶעכַאפְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס דַאוֶוענֶען דְרַיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, דָארְט קֶען מֶען נָאר נוּצְן דָאס וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אַן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, אַ קְדוּשָׁה, אַ בָּרְכוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאר דָאס אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג, נָאר דָאס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, אַזוֹי אַז וֶוען סְ'קוּמְט סוֹף וָואךְ הָאט עֶר שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג') אַז פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, עֶר זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים, יֶעדֶער אֵיינֶער כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה לוֹיט וִויפִיל

עֶר קֶען; נָאר דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְדֶעם וָואס עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט.

וֶוען מִיר הֶערְן נָאר רֶעדְן פוּן דֶעם אַז אֵיין טָאג גֵייעֶן מִיר מוּזְן שְׁטַארְבְּן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן צוּ דֶעם טָאג, פַאלְט שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף אוּנְז אַ מָרָה שְׁחוֹרָה. אַ צַדִיק אִיז אָבֶּער פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, עֶר טְרַאכְט יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אַז עֶר ווִיל נָאר אוֹיסְגֵיין פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

אַזַא צַדִיק, וָואס אִיז אַזוֹי דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער אַרַיין צוּ אִים אַ אִיד וָואס דַארְף אַן עֵצָה, עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה, עֶר ווִיל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין שְׁוֶוער הַארְץ; וֶועט דֶער צַדִיק אַוֶועקְלֵייגְן אִין דִי זַייט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ פַארְנֶעמֶען נָאר מִיט דֶעם אִיד, אִים אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָב.

ווער רעדט נאך ווען עס קומט אריין צו אים א פּאר-פּאלק מיט שלום בית פּראבלעמען, זיי מוטשען זיך און קענען זיך נישט אויסקומען צווישן זיך, וועט דער צדיק נישט קוקן אויף קיין שום זאך, ער וועט אוועקלייגן דעם זייגער, און נאר זיך אָפּגעבן מיט זיי און זיכער מאכן אז זיי גלייכן זיך אויס און גייען אהיים צוזאמען און קענען לעבן בשלום א גליקליך לעבן אינאיינעם.

דאס איז נישט קיין גרינגע זאך, דאס איז נישט קיין געשמאקע זאך, דער צדיק איז אבער גרייט מוותר צו זיין אויף אלעס, אבי נאר ארויסצוהעלפן אידישע קינדער. אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות ד'.): דוד המלך האט געזאגט פאר'ן אייבערשטן: "אלע אנדערע קעניגן שלאפן אריין ביז דריי שעה אין טאג, און איך בין פארנומען א גאנצן טאג צו העלפן אידישע קינדער, לטהר אשה לבעלה, צוריק צו שטעלן שלום ושלוה אין א אידישע שטוב". א צדיק

נֶעמְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דֶעם, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, עֶר וִויל נָאר אֵיין זַאךְ אַז דִי פָּאר-פָאלְק זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁטוּבּ פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

אוּן אַז מִיר רֶעדְן שׁוֹין פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז כְּדַאי נָאכְאַמָאל צוּ דֶערְמַאנֶען וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי וָואס טוּעֶן אִין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נֶעמֶען גְרוֹיס גֶעלְט פַאר דֶעם. פַארְוָואס זָאל אַזַא 'שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער' וֶועלְן אֶמֶת'דִיג צוּרִיק שְׁטֶעלְן אַ שָׁלוֹם בַּיִת? עֶר וֶועט דָאךְ נָאר פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה אוֹיבּ מַאכְט עֶר שָׁלוֹם בַּיִת. עֶר אִיז נָאר אִינְטֶערֶעסִירְט אַז דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען זָאלְן זִיךְ צִיעֶן וִוי לֶענְגֶער, וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט. עֶר וִויל נָאר אַז דִי פָּאר-פָאלְק זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען פַארְדִינֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטְן בַּאזוּנְדֶער. אוּן נָאכְ'ן אוֹיסְצִיעֶן דִי צַייט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס

עֶר קֶען, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַן עֵצָה אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶט'ן. חַזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ו'.) "כָּל שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּטִיב גִּיטִין וְקִדוּשִׁין לֹא יְהֵא לוֹ עֵסֶק עִמָּהֶם", וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי עִנְיָנִים פוּן גִיטִין אוּן קִידוּשִׁין, זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן צוּ טוּן אִין דִי זַאכְן. אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט צוּרִיק שְׁטֶעלְן אַ שָׁלוֹם בַּיִת, זָאל שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין זַאכְן וָואס בַּאלַאנְגֶען נִישְׁט צוּ אִים. פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר זִיךְ אַלֵיין וָואלְט עֶר נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ גֶט'ן.

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן צוּרִיקְצוּשְׁטֶעלְן אַ שָׁלוֹם בַּיִת. עֶר וֶועט אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין צַייט אוּן כֹּחַ אוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן דִי פָּאר-פָאלְק, וַוייל זַיין צִיל אִיז נִישְׁט צוּ מַאכְן גֶעלְט, עֶר ווִיל נָאר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער צַדִיק הָאט גֶענוּג וָואס צוּ טוּן, עֶר פַארְמַאכְט אָבֶער זַיין גְמָרָא, עֶר פַארְמַאכְט זַיין מִשְׁנַיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט זַיין זוֹהַר, עֶר לָאזְט אָפּ אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אַ בָחוּר, מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן, מִיט אַ פָּאר-פָאלְק. אַלֶעס נָאר זֵיי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אוּן זֵיי צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס. זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז עֶס וַוארְט זֵיי נָאךְ אָפּ גוּטֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן, אַז עֶס וֶועט זֵיי נִישְׁט אֵייבִּיג גֵיין אַזוֹי שְׁוֶוער, זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין לֶעבְּן.

דֶער צַדִיק נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טִיף פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה בִּיז אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן, דֶער צַדִיק רֶעדְט מִיט אִים, עֶר אִיז אִים מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק, עֶר שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁמוּץ, עֶר וַואשְׁט אִים אָפּ, אוּן עֶר הֶעלְפְּט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. צוּבִּיסְלֶעךְ הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ לֶערְנֶען,

עֶר הוֹיבְּט שׂוֹין אָן צוּ דַאוֶועוֶנֶען, עֶר הוֹיבְּט שׂוֹין אָן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן עֶרְלִיךְ.

וָואס טוּט מֶען נָאכְדֶעם פַאר אַזַא צַדִיק? אַנְשְׂטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אִים, הוֹיבְּט מֶען גָאר אָן צוּ רֶעדְן קֶעגְן אִים כָּל דָּבָר אָסוּר. אוֹיף אַלֶע וֶועגְן זוּכְט מֶען נָאר וָואס מֶען קֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס שְׂלֶעכְטְס צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים. וָואס טוּט מֶען מִיט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק? אַנְשְׂטָאט זֵיי צוּ הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב, צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי סְפָרִים, גֵייט מֶען גָאר אוּן מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דָאס אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׂטֶער הָאט אוּנְז גֶעוִויזְן מִיט דִי שְׂרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט גֶעשְׂטָאכְן אוּן אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט אַ צַדִיק תָּמִים. דָאס הָאט אוֹיפְגֶעשׂוֹידֶערְט יֶעדְן וָואס הָאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶעם. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׂט נָאר אַן אֵיינְצֶעלְנֶער פַאל וָואס הָאט

נָאר יֶעצְט פַּאסִירְט, נָאר דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן טָאג; מֶען שְׁטֶעכְט דֶעם צַדִיק, אוּן מֶען פַארְגִיסְט זַיין בְּלוּט טָאג טֶעגְלִיךְ.

## ח

## דִי הַארְבְּקֵייט פוּן מַחְלוֹקֶת

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רָב מִיטְ'ן בֶּן יָחִיד (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ח'), אַז דֶער סַמַךְ-מֶם הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ סוֹחֵר אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רָב וָואס זַיין בֶּן יָחִיד הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּ אַ צַדִיק, אוּן דֶער סַמַךְ-מֶם הָאט אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי דֶרֶךְ אַגַב מִיט אַ תְּמִימוּת אַז עֶר אַלֵיין הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִיק טוּט אַן עֲבֵירָה, אוּן אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר אִיז גָאר אַ קַל, אוּן דֶער רָב הָאט עֶס נָאךְ

אָנְגֶענוּמֶען. אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דֶער בֶּן יָחִיד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט דֶער רָב זֵייעֶר חַרָטָה גֶעהַאט וֶוען עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִינֶען אַז דֶער סוֹחֵר אִיז גָאר גֶעוֶוען דֶער סַמַךְ-מֶם אַלֵיין.

דָאס אִיז וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע טוּט, מֶען וֶועט נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים, נָאר מֶען וֶועט אִים קוֹדֶם מַאכְן אוֹיס צַדִיק, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען רֶעדְן אוֹיף אִים. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה ה׳, כ׳) ״הוֹי הָאֹמְרִים לָרַע טוֹב וְלַטּוֹב רָע, שָׂמִים חֹשֶׁךְ לְאוֹר וְאוֹר לְחֹשֶׁךְ, שָׂמִים מַר לְמָתוֹק וּמָתוֹק לְמָר״, מֶען מִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת, אוֹיף קַלִים וְרֵקִים זָאגְט מֶען גָאר אַז זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאגְט מֶען אַז עֶר אִיז אַ קַל. מֶען הֶערְט זִיךְ אָן מִיט לָשׁוֹן הָרַע׳ס, מֶען הֶערְט אַ וָוארְט דָא אוּן אַ וָוארְט דָארְט, אוּן מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים אוּן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז גָאר שְׁרֶעקְלִיךְ, דָאס אִיז מַמָשׁ אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, קוֹים וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט זַיינֶע רַמַ"ח אֵבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים, עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין דַארְף נָאךְ גְרוֹיס רַחֲמִים; וִוי אַזוֹי הָאט עֶר נָאךְ צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם אוּן זִיךְ מִישְׁן אִין מַחְלוֹקֶת.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י"ח, אוֹת ד'): "קוּק וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ זַיין פַארְמִישְׁט אִין מַחְלוֹקֶת; בַּיים בֵּית שֶׁל מַעְלָה שְׁטְרָאפְט מֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר עֶר אִיז צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אִין בֵּית שֶׁל מַטָּה שְׁטְרָאפְט מֶען נִישְׁט אֵיידֶער מֶען וֶוערְט דְרַייצְן יָאר אַלְט, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ מַחְלוֹקֶת קֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אֲפִילוּ פִּיצֶעלֶעךְ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען קוֹים אַ טָאג אַלְט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי

קֹרַח (בַּמִּדְבָּר ט״ז, כ״ז-ל״ג): וּנְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וְטַפָּם, וַיֵּרְדוּ הֵם וְכָל אֲשֶׁר לָהֶם חַיִּים שְׁאֹלָה״. אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף מַחְלוֹקֶת. עֶס לוֹינְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ זַיין פַארְמִישְׁט אִין דֶעם.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן אַ מַחְלוֹקֶת קֶעגְן אַן עֶרְלִיכְן אִיד, דַארְף מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן, מֶען קֶען וֶוערְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּגֶעבְּרִיעֶט פוּן זֵייעֶר פֵייעֶר. חַזַ״ל דֶערְצֵיילְן (בָּבָא מְצִיעָא פ״ד:) אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי אֶלְעָזָר דֶער זוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אַז וֶוען עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל אִים לָאזְן לִיגְן אִין בּוֹידֶעם, אוּן זִי זָאל גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

אֵיין טָאג אִיז זִי אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם אוּן זִי הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ וָוארִים פוּן

זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם. אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אִיר אִין חָלוֹם אוּן גֶעזָאגְט אַז זִי זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן אֵיינְמָאלִיגֶע זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט ווִי מֶען פַארְשֶׁעמְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹחֶה גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי וַוייט עֶס גֵייט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן רֶעדְן קֶעגְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַז אֲפִילוּ דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט גֶעמוּזְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף בְּלוֹיז וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט מוֹחֶה גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד.

לָאמִיר זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן מַחְלוֹקֶת, נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אֵיינֶער דֶערְוַואגְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אוֹיף זַיין רֶבִּי'ן

וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִין זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן אִים גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס, אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאפְן וָואס וֶועט קוּמֶען אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ.

ט

## דִי וֶוערְטֶער זָאלְן גֵיין אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

אִיר זָאלְט מִיר מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן אוֹיפְהַאלְטְן אַזוֹי לַאנְג, וֶוען עֶס פַּאסִירְט אָבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטִיל. אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט זָאגְן דֶעם הֶסְפֵּד, אוּן אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז אִין אַזַא צַייט, אוּן מִיט דֶעם אַרָאפּנֶעמֶען דֶעם חֲרוֹן אַף כָאטְשׁ פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה. אִיךְ בִּין אָבֶּער זִיכֶער אַז

דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן נִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר דָא, דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן גֵיין אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ז) אַז וֶוען מֶען רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אִין אַ ווִינְקֶעלֶע, גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער זֵייעֶר וַוייט אוּן קוּמֶען אָן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן מֶער נִישְׁט הֶערְן פוּן קַיין צַעַר, פוּן קַיין רְצִיחוֹת אוּן הַרִיגוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ גוּט אָפְּלֶערְנֶען דִי מוּסָר הַשְׂכֵּל אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין מַחְלוֹקֶת, נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; אוּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווֶעמֶען מֶען נֶעמְט אוֹיף פַאר מְלַמְדִים, אַז זֵיי זָאלְן זַיין נָאר אֱמֶת'דִיגֶע יִרְאֵי ה', וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן רִיכְטִיג מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל

אוּנְז אַוַדַאי הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵ-ל בּוֹרֵא עוֹלָם**